# ווײַטער

אינטערנעץ־אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש

נומער 4(48) ✦ תשע״א – 2011 ✦ זעקסטער יאָרגאַנג

ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער „פֿאָרווערטס״־אַסאָציאַציע

פֿאָרווערטס

איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג אין דער וועלט
געגרינדעט אין יאָר 1897

www.yiddish.forward.com/vayter


# דער „גלות־פֿעסטיוואַל“

קאַרל דרימל

פֿונעם 15טן יולי ביזן 17טן יולי האָט די אָרגאַניזאַציע „ייִדיש־פֿאַרם“ פֿאָרגעשטעלט דעם ערשטן „גלות־פֿעסטיוואַל“ לעבן גאָשן, אַ קליין שטעטל מיט 5,600 אײַנוווינער, וואָס געפֿינט זיך אַ שעה פֿאָרן אויף צפֿון פֿון ניו־יאָרק. „ייִדיש־פֿאַרם“ איז אַ פּרוּוו אויפֿצובויען אַ ייִדיש־שפּראַכיקן ייִשובֿ אין אַמעריקע. די גרופּע וועט אַליין קולטיווירן אָרגאַנישע פּראָדוקטן דורך ערד־אַרבעט און וויל צוציִען ייִדיש־רעדערס פֿון סײַ וועלטלעכן, סײַ פֿרומען, חסידישן סעקטאָר.

נפֿתּלי אײדלמאַן און ישׂראל באַס, די דירעקטאָרן פֿון דער פּראָגראַם, האָבן דערווײַל צונויפֿגעבראַכט אַ גרופּע יונגע־לײַט – אידעאַליסטן־ייִדישיסטן – וועלכע האָבן דעם זעלביקן חלום. הײַיאָר וועט מען אָנהייבן די ערשטע זומער־פּראָגראַם אויף אַ שטח אין מאַרילאַנד. אָבער אויף ווײַטער, פֿון ווינטער, 2012, וועט „ייִדיש־פֿאַרם“ באַאַרבעטן די ערד אויף דער פֿאַרם אין גאָשן.

דער „גלות־פֿעסטיוואַל“ איז געווען אַ געלעגנהייט פֿאַר אַ ברייטערן עולם, סײַ ייִדיש־רעדנדיקע, סײַ נישט ייִדיש־רעדנדיקע, זיך צו באַקענען מיט די צילן און אַרבעט פֿון דער „ייִדיש־פֿאַרם“. פֿרײַטיק, ביז ערבֿ־שבת איז געקומען בלויז אַ קליינער עולם, דער עיקרשט די וואָלונטירן, וואָס האָבן שוין דאָנערשטיק אויפֿגעשטעלט דאָס הויפּט־געצעלט פֿונעם פֿעסטיוואַל. מען האָט געשמועסט, געשפּילט גיטאַרע און געבראָטן כּשרע ווורשטן.

בעת דער צוגרייטונג אויף שבת האָט דער עולם זיך צעוואַקסן ביז בערך 60 מענטשן. די גרופּע איז באַשטאַנען פֿון וועלטלעכע ייִדיש־רעדנערס, חסידים און קלעזמאָרים. ליסאַ גוטקין, די פֿידלערין פֿון די „קלעזמאַטיקס“, האָט גערעדט וועגן קלעזמער־מוזיק און איין מוזיקער נאָכן צווייטן האָט אימפּראָוויזירט מיט איר; צווישן זיי: קען ריטשמאָנד (פֿידל) און שירה שאַזיר (אַקאָרדעאָן) פֿון דער גרופּע „פֿיש סטריט קלעזמער“, און האַרי סוויט, דער פֿידלער און מאַנדאָלין־שפּילער פֿון דער גרופּע „סעלראָזשאַ“. ביידע קאַפּעליעס זענען אויך אויפֿגעטראָטן שבת־צו־נאַכטס.

די אָנטיילנעמער האָבן אויפֿגעבויט אַן עירובֿ און פֿרײַטיק־צו־נאַכטס זענען אַלע זיך צונויפֿגעקומען אינעם הויפּט־געצעלט צו בענטשן ליכט און צו באַגריסן דעם שבת. דאָס סאַמע שענסטע איז געווען, וואָס כאָטש די אָנטיילנעמער זענען געקומען פֿון אַזוינע פֿאַרשיידענע „רעדלעך“, האָט מען צוזאַמען געפּראַוועט, געדאַוונט, געגעסן און, איינער לעבן דעם אַנדערן, געשלאָפֿן אין די געצעלטן. נאָך אַזאַ איבערלעבונג פֿאַרשטייט מען ניט, פֿאַר וואָס זענען דאָ צרות צווישן ייִדן?

אָבער צרות בײַם „גלות־פֿעסטיוואַל“ זענען יאָ געווען. לויטן אָרטיקן געזעץ פֿונעם שטעטל גאָשן, האָט ניט געקלעקט דאָס וואַסער פֿאַר דער צאָל מענטשן אויף אַזוי פֿיל טעג. האָט מען זונטיק זיך געדאַרפֿט אַריבערציִען צו אַן אַנדער אָרט פֿאַר די קאָנצערטן. צום גליק, האָבן די אָרגאַניזאַטאָרן גיך געפֿונען אַ נײַעם פּלאַץ. זונטיק האָט מען געהערט: „אַסעפֿאַ“, אַ ספֿרדישער אָרקעסטער מיט מעלאָדיעס צום טאַנצן, דערנאָך דעם דועט „סטערעאָ סיני“ און דעם „מעט טעמקין ייִדישע דזשעם־בענד“.

דער ערשטער „גלות־פֿעסטיוואַל“ איז געווען אַ גערואָטענער; אַ זעלטענער צונויפֿקום, דער עיקר, אויף ייִדיש, פֿון פֿאַרשיידענע סבֿיבֿות יונגע־לײַט.



מע קנעט און באַקט חלות אויף שבת

## „פֿאָרווערטס“־ייִחוס



# דוד שוב: אַ „פֿאָרווערטס“־זשורנאַליסט און ביאָגראַפֿער פֿון לענינען

מיט אַ יאָרהונדערט צוריק, דעם 23סטן מײַ 1911, האָט זיך אין ניו־יאָרק, צווישן דער 40סטער און 42סטער גאַסן, געעפֿנט דער גרויסער בנין פֿון דער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק. די ביבליאָטעק גופֿא איז צו יענער צײַט שוין געווען צען יאָר אַלט. אויף דער פֿײַערלעכער צערעמאָניע לכּבֿוד דער עפֿענונג פֿונעם נײַעם בנין איז געקומען דער פּרעזידענט וויליאַם האַוואַרד טאַפֿט, ווי אויך, פֿאַרשטייט זיך, דער גובערנאַטאָר פֿונעם שטאַט און דער מייאָר פֿון דער שטאָט. די לייענער האָבן צום ערשטן מאָל באַקומען אַ צוטריט צו דער ביכער־קאָלעקציע ערשט אין אַ טאָג אַרום, דעם 24סטן מײַ.

אין דער געשיכטע פֿון דער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק איז אַרײַנגעשריבן געוואָרן דער נאָמען פֿון דעם ערשטן לייענער, וואָס האָט באַשטעלט ביכער אין דער פֿרי פֿון דעם ערשטן טאָג, 8 מינוט נאָך 9 אַ זייגער. די באַשטעלטע ביכער זײַנען אָנגעקומען כּמעט תּיכּף־ומיד – בלויז אין 6 מינוט אַרום. דער נאָמען פֿון דעם דאָזיקן לייענער איז געווען דוד שוב (1887–1973), וואָס איז אַ גאַנץ וויכטיקע פֿיגור אין דער געשיכטע פֿון דער צײַטונג „פֿאָרווערטס“, ווו ער האָט געאַרבעט זינט 1924 ביזן סוף פֿון זײַן לעבן.

דוד שוב איז געבוירן געוואָרן אין דער ווילנער געגנט. זײַן פֿאָטער, אַ פֿרומער ייִד, האָט פֿון דעסטוועגן געשיקט זײַן זון זיך לערנען אין אַ רוסישער וועלטלעכער אָנהייב־שול. דערנאָך איז דער יונגער דוד שוב געוואָרן אַן „עקסטערן“ אין ווילנע. די „עקסטערנס“ זײַנען געווען די יונגע



לײַט, וועלכע האָבן געוואָלט, אָבער ניט געקענט זיך לערנען אין קיין מיטל־שול. די עקסטערנס האָבן זיך געגרייט דורכצומאַכן די מאַטורע־עקזאַמענס, כּדי האָבן אַ מעגלעכקייט צו שטודירן אין העכערע לערן־אַנשטאַלטן. בײַ רוסישע ייִדן איז עס געווען זייער ברייט פֿאַרשפּרייט צוליב דער פּראָצענט־נאָרמע (numerous clausus), וואָס האָט באַגרענעצט די צאָל ייִדישע תּלמידים.

די עקסטערנס האָבן געשאַפֿן די סבֿיבֿה, פֿון וועלכער עס זײַנען אַרויס אַ סך מיטגלידער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. קיין חידוש ניט, אַז צווישן די זשורנאַליסטן פֿון „פֿאָרווערטס“, אַ סאָציאַליסטישע צײַטונג, זײַנען אויך געווען ניט ווייניק געוועזענע עקסטערנס. שוב איז אויך אַרײַנגעפֿאַלן אונטער דער השפּעה פֿון דעם „בונד“, וואָס איז געווען שטאַרק אין ווילנע – דער שטאָט, ווו די פּאַרטיי איז געשאַפֿן געוואָרן אין יאָר 1897.

אָבער שפּעטער האָט שוב זיך אַסאָציִירט מיט די „מענשעוויקעס“ – די קעגנער פֿון לענינס „באָלשעוויקעס“. בעת די באָלשעוויקעס האָבן געגלייבט, אַז זיי וועט זיך אײַנגעבן אויפֿצובויען סאָציאַליזם אין רוסלאַנד, האָבן די מענשעוויקעס געהאַלטן, אַז רוסלאַנד איז נאָך ניט גרייט צו סאָציאַליזם. שוין אָפּגעשמועסט פֿון דעם, וואָס די מענשעוויקעס זײַנען געווען אָנהענגער פֿון דעמאָקראַטיע, און די באָלשעוויקעס האָבן זיך פֿון דעמאָקראַטיע תּמיד אויסגעלאַכט.

שוב האָט אין זײַן יוגנט דורכגעמאַכט אַ וועג, וואָס איז געווען כאַראַקטעריש פֿאַר אַ סך יונגע ייִדישע סאָציאַליסטן: ער איז געצוווּנגען געוואָרן צו זײַן עטלעכע יאָר אין עמיגראַציע, זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד, כּדי זיך צו באַטייליקן אין דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע (אין 1905), געווען אַרעסטירט, געפֿונען אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד און קומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1908. אין ניו־יאָרק האָט ער געאַרבעט אין דער רוסישער און ייִדישער סאָציאַליסטישער פּרעסע. די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט בײַ אים קיין ענטוזיאַזם ניט אַרויסגערופֿן, כאָטש ס'רובֿ אַמעריקאַנער ייִדישע סאָציאַליסטן זײַנען געווען זייער צופֿרידן מיט די געשעענישן אין רוסלאַנד.

אין יאָר 1924 האָט אַב. קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרווערטס“, אײַנגעלאַדן שובן צו שרײַבן עדיטאָריאַלן פֿאַר די זונטיק־נומערן פֿון דער צײַטונג. אין גיכן האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן אויך פֿאַר די שבתדיקע נומערן – וועגן דעם מצבֿ אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. מאַטעריאַלן פֿאַר די דאָזיקע שבתדיקע אַרטיקלען פֿלעגט שוב נעמען פֿון דער סאָוועטישער פּרעסע – סײַ ייִדישער, סײַ רוסישער, ווי אויך פֿון די עמיגראַנטישע צײַטונגען.

* * *

אין זײַנע עמיגראַנטישע יאָרן האָט דוד שוב זיך עטלעכע מאָל באַגעגנט

(סוף אויף זײַט 6)

# יובילײַ

מיט 100 יאָר צוריק איז געבוירן געוואָרן שמעון וועבער (1911–1987), דער ייִדישער זשורנאַליסט, וואָס איז גע־ווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָר־ווערטס" אין די יאָרן 1970–1987.

וועבער איז געבוירן געוואָרן אין פּוילן און דערמיט זיך אונטערגעשיידט פֿון די גרינדער און, בכלל, ערשטע רעדאַקטאָרן און זשורנאַליסטן פֿון „פֿאָרווערטס", וועלכע זײַנען, בדרך־כּלל, געווען „ליטוואַקעס". נאָך איין אונטערשייד: וועבער האָט זיך געלערנט (אַ חוץ בײַ מלמדים) אין אַ פּוילישער פֿאָלקס־שול, בעת דער עלטערער דור „פֿאָרווערטס"־לײַט זײַנען געוויינטלעך געווען אויסגעשולט אין רוסיש. ניט צופֿעליק איז ער געווען נאָענט מיט יצחק באַשעוויס־זינגערן, אויך אַ פּוילישן ייִדן. וועבער איז געפֿאָרן מיט באַשעוויסן קיין שטאָקהאָלם, ווען יענער האָט, אין יאָר 1978, באַקומען אַ נאָבעל־פּרעמיע פֿאַר ליטעראַטור.

פֿון פּוילן איז וועבער אַוועקגעפֿאָרן אין 1928. אַרום אַ יאָר איז ער געווען אין אַרגענטינע, און דערנאָך געקומען קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין דעטרויט. ער האָט געאַרבעט און זיך געלערנט. אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט ער שוין אַליין געקענט אַרבעטן ווי אַ לערער. אין יענער צײַט איז ער, אַ פּאָליטיש אַקטיווער מענטש, נאָך אין די יונגע יאָרן אין פּוילן, געוואָרן אַ מיטגליד פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

אין 1932 האָט די ניו־יאָרקער קאָמו־ניסטישע צײַטונג „מאָרגן־פֿרײַהייט" פּאַרעפֿנטלעכט עטלעכע דערציילונגען פֿון וועבערן. שפּעטער האָט ער גע־שריבן אַרטיקלען פֿאַר דער צײַטונג. אין פֿרילינג 1936 האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער ניו־יאָרקער רע־דאַקציע פֿון „מאָרגן־פֿרײַהייט". אָבער אין 1937 איז וועבער אַרויס פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אַוועק פֿון דער צײַטונג. אין משך פֿון צוויי יאָר האָט ער געאַרבעט אין דער טאָג־צײַטונג „די ייִדישע וועלט". די דאָזיקע צײַטונג האָט זיך געדרוקט אין פֿילאַדעלפֿיע צווישן 1914–1941.

אין 1939 האָט וועבער אָנגעהויבן אַרבעטן אין „פֿאָרווערטס". אין אַפּריל 1987, ווען דער „פֿאָרווערטס" האָט אָפּגעמערקט זײַן 90סטן יובילײַ, האָט וועבער רעזיגנירט פֿון זײַן שטעלע. צו יענער צײַט האָט זיך דער „פֿאָרווערטס" געדרוקט איין מאָל אַ וואָך. זינט 1984 האָט עס אויפֿגעהערט צו זײַן אַ טאָג־צײַטונג. געשטאָרבן איז שמעון וועבער שוין אַ פּענסיאָנירטער, אין דעצעמבער 1987.

ווי אַ געוועזענער קאָמוניסט, האָט מען וועבערן פֿײַנט געהאַט אין די לינקע קרײַזן. די שׂינאה צו אים איז נאָך שטאַרקער געוואָרן אין 1951, ווען זײַנע גבֿית־עדותן האָבן געשפּילט אַ הויפּט־ראָלע אין די פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן. וועבער האָט באַוויזן, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט דירעקטע פֿאַרבינדונגען מיט די קאָמוניסטן. דעם אָרדן, אַרײַנגערעכנט זײַן ייִדישן טייל, האָט מען דעמאָלט פֿאַרמאַכט.



שמעון וועבער אין זײַן „פֿאָרווערטס"־ביוראָ

# ייִדישע מאָזאַיִק



# ציטערדיקע נעמען בײַ ייִדן

## (פֿון וואַנען שטאַמען ייִדישע נעמען)

וואָס מיינט עס „ציטערדיקע נעמען"?

דאָס זײַנען נעמען, וואָס די עלטערן האָבן געגעבן זייערע קינדער, איבער וועלכע זיי ציטערן. דאָס זײַנען נעמען, וואָס שטאַמען פֿון פֿאַרשידענע אָבער־גלויבנס. עס איז כּדאַי וועגן דעם צו וויסן.

ווען עס האָט געטראָפֿן, אַז בײַ עלטערן איז אַ קינד קראַנק געוואָרן, האָט מען טאַקע גערופֿן אַ דאָקטער, מע האָט דעם קינד גע־געבן די פֿאַרשריבענע מעדיצין, אָבער עס איז געווען אַן אָבערגלויבן, אַז מע מוז נאָך עפּעס טאָן. מע האָט צום פֿריִערדיקן נאָמען פֿון קינד צוגעגעבן אַ נײַעם נאָמען – אַ ציטערדיקן. דער נײַער נאָמען האָט גע־דאַרפֿט זײַן די ריכטיקע רפֿואה פֿאַרן קראַנקן קינד...

אָט זײַנען די ייִדישע ציטערדיקע נעמען:




פֿאַר ייִנגלעך:
חיים, אַלטער, זיידל

פֿאַר מיידלעך:
חיה, אַלטע, באָבל

געמיינט האָט עס, אַז דאָס קינד זאָל לעבן (חיים, מיינט דאָך אין העברעיִש „לעבן"); אַז עס זאָל ווערן אַלט, און אויך, אַז דאָס קינד זאָל דערלעבן צו זײַן אַ זיידע אָדער אַ באָבע.

דער ציטערדיקער נאָמען פֿלעגט צום קינד צוגעגעבן ווערן מיט פֿאַרשידענע צערעמאָניעס. גאָר באַזונדערס, ווען מע פֿלעגט צוגעבן דעם נאָמען חיים. אָדער חיה. דאָס קינד פֿלעגט פֿון דעמאָלט אָן שוין טראָגן אַ טאָפּלטן נאָמען: אָנשטאָט שׂרה האָט דאָס מיידעלע שוין געהייסן חיה־שׂרה, אָנשטאָט רבֿקה האָט מען דאָס מיידעלע גערופֿן חיה־רבֿקה. און די ייִנגלעך האָט מען גערופֿן חיים־יאָסל, אָנשטאָט יאָסל; חיים־יאַנקל, אָנשטאָט יאַנקל.

די דאָזיקע צערע־מאָניע פֿון צוגעבן נאָך אַ נאָמען פֿלעגט מען דורכפֿירן ניט נאָר ווען אַ קינד איז קראַנק געוואָרן. אויך בײַ עלטערן, בײַ וועלכע עס פֿלעגן שטאַרבן קליינע קינדער, פֿלעגט מען די נײַ־געבוירענע צוגעבן, חוץ דעם ריכטיקן נאָמען, אויך אַ ציטערדיקן, וואָס האָט געדאַרפֿט העלפֿן, אַז דאָס נײַ־געבוירענע קינד זאָל לאַנג לעבן, עס זאָל ווערן אַלט און דערלעבן אייניקלעך.

דער דאָזיקער מין פֿון ציטערדיקע נעמען איז פֿאַראַן אויך בײַ אַנדערע פֿעלקער. בײַ די אַפֿריקאַנער, למשל, איז דאָ אַזאַ מינהג: מע גיט אַ ייִנגל אַ מיידלשן נאָמען, אָדער מע רופֿט אַ מיידל מיט אַ ייִנגלשן נאָמען. פֿאַר וואָס? אויף דעם דערקלערן זיי, אַז דאָס מאַכט מען, כּדי אָפּצונאַרן דעם טײַוול. דער טײַוול וויל מאַכן קראַנק דאָס מיידל, אָבער אַז מע רופֿט דאָס מיידל מיט אַ ייִנגלשן נאָמען, ווערט דער טײַוול צעטומלט און ווייסט ניט וואָס צו טאָן...

צי די דאָזיקע ציטערדיקע נעמען העלפֿן טאַקע ווייסן מיר ניט, אָבער דאָס פֿאָלק האָט אַמאָל אין דעם גאָר שטאַרק געגלייבט. די פֿאַרצײַטיקע ציטערדיקע נעמען זײַנען שפּעטער גע־וואָרן ריכטיקע נעמען, און ניט איין חיימל אָדער חיקעלע ווייסט שוין הײַנט ניט, אַז זיי שטאַמען אָפּ פֿון אַזעלכע ציטערדיקע נעמען.

# וויצן פֿון דעם „יאָרבוך און אַלמאַנאַך פֿון ׳פֿאָרווערטס׳" (1902)



**בעטלער:** שענקט מיר עפּעס, זײַט אַזוי גוט!

**פֿאַרבײַגייער:** אַזאַ געזונטן מאַנצביל ווי דו גיב איך ניט.

**בעטלער:** וואָס זשע האָט איר געוואָלט, אַז צוליב אײַער נדבֿה זאָל איך ווערן אַ קאַליקע?

* * *

וואָס טוסטו, אַז דו פֿאַרקילסט זיך?

איך הוסט.

# פֿאַר קליין און גרויס



## ייִדישע מעשׂיות פֿון בעלז

איבערדערציילט פֿון באָריס סאַנדלער

# דער רופֿא און דער שוסטער



אַמאָל האָבן אונטער איין דאַך געוווינט אַ רופֿא און אַ שוסטער. דער רופֿא האָט זיך געטאָן זײַן מלאָכה, און דער שוסטער זײַנע. דער רופֿא האָט געהיילט קראַנקע, און דער שוסטער האָט פֿאַרראָכטן שיך. אין דעם שטעטל האָבן די ייִדן אַ סך געקרענקט, און אַז מע קרענקט, רײַבט מען ווייניקער אויס די שיך, ווײַל מע ליגט אין בעט. פֿלעגט דער שוסטער זיצן אָן אַרבעט. האָט ער געטראַכט בײַ זיך: וואָס וועל איך זיצן, לאָמיך אַרײַנקומען צום רופֿא און קוקן ווי ער היילט די קראַנקע, וועל איך אויך ווערן אַ רופֿא און האָבן פּרנסה. ער האָט געקוקט, געקוקט, אָבער גאָרניט אין דעם ניט פֿאַרשטאַנען. מיט איין וואָרט – אַ שוסטער בלײַבט אַ שוסטער!

איין מאָל האָט ער געזען, ווי דער רופֿא גיט דעם קראַנקן ריצנאייל. דווקא דאָס האָט ער יאָ פֿאַרשטאַנען. ריצנאייל פֿלעגט ער אויך אײַננעמען, ווען ער האָט געכאַפּט אַן איבעריקן ביסן. אויב אַזוי קאָן ער שוין אויך זײַן אַ רופֿא. צוויי רופֿאים אונטער איין דאַך איז צו פֿיל. טרעפֿט זיך, אַז דער אמתער רופֿא איז פּלוצעם געשטאָרבן. ניט אומזיסט זאָגט מען, אַז אַ שוסטער גייט באָרוועס, און אַ רופֿא שטאַרבט פֿון אַ קרענק.

האָט דער שוסטער איבערגענומען דעם רופֿאס מלאָכה, און האָט אָנגעהויבן היילן קראַנקע. אויב איינער איז צו אים געקומען מיט אַ קאָפּווייטיק, האָט ער אים געהייסן אויסטרינקען אַ גלאָז ריצנאייל. אויב אַ צווייטער איז צו אים געקומען מיט אַ צאָנווייטיק, האָט ער אים געהייסן שווענקען דאָס מויל מיט ריצנאייל. אויב אַ דריטער איז צו אים געקומען מיט אַ צעהאַקטן פֿינגער, האָט ער אים געהייסן דעם פֿינגער האַלטן אין ריצנאייל. „ריצנאייל, – האָט געטענהט דער שוסטער, – איז די בעסטע רפֿואה: עס שטערט קיינעם ניט אָפּרייניקן דעם מאָגן!“

איין מאָל איז קראַנק געוואָרן דעם קייסערס טאָכטער. וואָס איז? זי האָט געקראָגן אַ מכּה אין האַלדז. דעם קייסערס אַ טאָכטער האָט פֿון וואַנען צו קרענקען. די בעסטע דאָקטוירים פֿון דער וועלט האָט מען צונויפֿגערופֿן אין זײַן פּאַלאַץ. עס האָט אָבער ניט דעם קייסער און נאָך מער זײַן טאָכטער – ניט געהאָלפֿן.

אַזאַ נײַעס פֿאַרשפּרייט זיך גיך, אַפֿילו אַז מע לעבט אין אַ קליין שטעטל. איז די נײַעס דערגאַנגען אויך צום שוסטער. און אַז דער שוסטער האָט עס דערהערט, האָט ער גענומען אַ פֿעסל ריצנאייל, מיט זײַן שוסטער־העמערל און זיך אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַרײַן. קומט ער צום קייסערס פּאַלאַץ, גיט אים דער וואַכמאַן בײַם טויער אַ פֿרעג: „וואָס ווילסטו?“ זאָגט דער שוסטער: „איך וויל אַרײַנגיין אין פּאַלאַץ“. – „וואָס וועסטו דאָרט טאָן?“ – „איך וועל אויסהיילן דעם קייסערס טאָכטער“. קוקט אים דער וואַכמאַן אָן, קוקט אויף זײַן פֿעסל און פֿרעגט ווידער: „וואָס האָסטו אין דעם פֿעסל?“ ענטפֿערט דער שוסטער: „די גרעסטע רפֿואה!“ – „אַזוי גאָר? וואָס זשע איז די רפֿואה?“ – גיט דער שוסטער אַ טרייסל מיט זײַן בערדל: „אַז כ׳וועל דיר זאָגן וואָס, וועסטו דאָך אַליין קאָנען אויסהיילן דעם קייסערס טאָכטער“.

הייבן זיי זיך אָן אַמפּערן. ס׳איז שווער צו זאָגן ווי לאַנג זיי וואָלטן זיך געאַמפּערט, ווען עס קומט צום טויער ניט צו דער קייסער אַליין. „וואָס קומט דאָ פֿאָר?“ – פֿרעגט דער קייסער. ענטפֿערט אים דער וואַכמאַן: אַזוי און אַזוי, אַז דער ייִד איז געקומען מיט אַ פֿעסל און טענהט, אַז ער קען אויסהיילן דעם קייסערס טאָכטער.

(סוף אויף זײַט 7)



# ווערטער



## אַ צרה מיט ch

צענדליקער נעמען, ייִדישע בתוכם, טראָגן אין זיך די צוויי פֿאַרפֿירערישע אותיות: ch. גיי ווייס, ווי אַזוי דאָס מוז קלינגען אויף ענגליש? היסטאָריש האָט זיך עס גענומען אָפֿט מאָל פֿון דײַטש. אַזאַ נאָמען טראָגן אויך די איצטיקע ליבלינג פֿון די רעכטע אַמעריקאַנער מישעל באַקמאַן (Bachmann), אַ מיטגליד פֿון קאָנגרעס. איר סבֿיבֿה רעדט אַ באַזונדער לשון, וואָס איז גאָר ניט תּמיד צוטריטלעך פֿאַר אַנדערע מענטשן.

לעצטנס, האָט די פֿרוי באַקמאַן געפּלעפּט אַ סך מענטשן, ייִדן און ניט־ייִדן, מיט איר נוסח פֿון אויסרעדן דאָס וואָרט „חוצפּה“, אָדער ריכטיקער chutzpah. עס לאָזט זיך אויס, אַז אויף איר לשון קלינגט עס „טשוצפּאַ“.




# דוד שוב: אַ „פֿאָרווערטס“־זשורנאַליסט און ביאָגראַפֿער פֿון לענינען

(סוף פֿון זײַט 2)

מיט לענינען. קיין חסיד פֿון באָלשעוויזם איז שוב קיין מאָל ניט געווען, אָבער לענין – ווי אַ מענטש און אַ פּאָליטישע פֿיגור – האָט אים ניט אויפֿגעהערט צו אינטערעסירן. אין יאָר 1928 איז אין ניו־יאָרק אַרויס שובס בוך „לענין: דער מענטש, דער רעוואָלוציאָנער און דיקטאַטאָר“. דאָס איז געווען איינע פֿון די ערשטע ביאָגראַפֿיעס פֿון דעם באָלשעוויסטישן פֿירער.

בײַם שרײַבן דאָס בוך, האָט שוב געפּרוווט צו פֿאַרשטיין, פֿון וואַנען עס האָט זיך בײַ לענינס זיידע פֿון דער מוטערס צד גענומען דער פֿאַמיליע־נאָמען בלאַנק. אָבער קיין פֿאַרלאָזלעכע אינפֿאָרמאַציע האָט ער דעמאָלט ניט געפֿונען. ווי מיר ווייסן איצט (זען, למשל, http://yiddish.forward.com/node/3764/print), איז לענינס זיידע געווען אַ ייִד. די דאָזיקע אינפֿאָרמאַציע איז גענומען געוואָרן פֿון אַרכיוון, צו וועלכע שוב האָט קיין צוטריט ניט געהאַט.

דאָך האָט ער זיך יאָ דערוווּסט וועגן דעם דאָזיקן „סוד“. די אינפֿאָרמאַציע האָט געבראַכט שאול גינזבורג (1866–1940), וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ טיפֿן שפּור אין דער געשיכטע פֿון ייִדישער פּרעסע. אין יאָר 1903 איז ער געשטאַנען בײַם רודער פֿון דער פּעטערבורגער ייִדישער צײַטונג „דער פֿרײַנד“. דאָס איז געווען די ערשטע ייִדישע טאָג־צײַטונג אין רוסלאַנד.

גינזבורג האָט ניט נאָר געמאַכט געשיכטע, ער האָט אויך שטודירט געשיכטע. משומדים איז געווען איינע פֿון די טעמעס, וועלכע האָט אינטערעסירט גינזבורגן. האָט ער זיך אין זײַנע אַרכיוואַלע אויסגראָבונגען אָנגעשטויסן אויף אַ בריוו פֿון איינעם אַלעקסאַנדער בלאַנק, וואָס האָט געשריבן מסירות אויף פֿרומע ייִדן. האָט דער היסטאָריקער געוואָלט קאָפּירן די דאָזיקע בילבולים, אָבער ער האָט עס ניט באַוויזן צו טאָן. דוד שוב האָט איבערדערציילט די געשיכטע אין זײַנען זכרונות „פֿון די אַמאָליקע יאָרן“ (1970):

„איין פֿרימאָרגן איז אַראָפּגעקומען פֿון מאָסקווע אַ ספּעציעלע רעגירונגס־קאָמיסיע און האָט דעם פּאַקעט מיט אַלע דאָקומענטן פֿון און וועגן אַלעקסאַנדער בלאַנק צוגענומען און אַוועקגעפֿירט קיין מאָסקווע.“

דער דירעקטאָר פֿונעם אַרכיוו, אַ באַוווּסטער רוסישער היסטאָריקער, האָט שטילערהייט דערקלערט גינזבורגן, אַז דער דאָזיקער אַלעקסאַנדער בלאַנק איז געווען לענינס זיידע. ווײַטער האָט שוב דערציילט, אַז ער און גינזבורג האָבן דעמאָלט באַשלאָסן ניט צו שרײַבן וועגן דעם אין „פֿאָרווערטס“ און ניט ערגעץ אַנדערשוווּ. זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז די נאַציס זאָלן זיך דערוויסן וועגן לענינס ייִדישן זיידע און עס אויסנוצן אין זייער פּראָפּאַגאַנדע.

אין 1948, דאָס הייסט, אין צוואַנציק יאָר אַרום נאָך דער ייִדישער אויפֿלאַגע פֿון לענינס ביאָגראַפֿיע, איז אַרויס אויף ענגליש אַ דערגאַנצטער און איבערגעאַרבעטער נוסח. דאָס בוך האָט געהאַט דערפֿאָלג. מע האָט עס עטלעכע מאָל איבערגעדרוקט אויף ענגליש און איבערגעזעצט אויף אַ פּאָר צענדליק שפּראַכן. אָבער שוב האָט סײַ־ווי־סײַ ניט אַרײַנגעשטעלט די אינפֿאָרמאַציע וועגן לענינס ייִדישן זיידע. זײַן באַשלוס האָט ער דערקלערט אַזוי: ערשטנס, האָט ער „ניט געוואָלט געבן די אַנטיסעמיטן פֿון אַלע לענדער אַ נײַעם געווער אין זייערע הענט קעגן ייִדן“. צווייטנס, ווײַל ער האָט פֿון דעסטוועגן ניט געהאַט אין זײַנע הענט קיין דאָקומענטן, וועלכע האָבן געקענט באַווײַזן שוואַרץ אויף ווײַס, אַז אַלעקסאַנדער בלאַנק איז באמת געווען אַ ייִד.

אַזעלכע באַווײַזן האָבן זיך באַוויזן – פֿון די אַרכיוון – אָבער ערשט דעמאָלט, ווען ס'איז געקומען אַ סוף צו דער טאָטאַליטאַרער מלוכה.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

## שיכעלעך



אַטאַ, אַטאַ איז אַ באַרג,
אַטאַ אַטאַ איז אַ טאָל,
זיצט אַ שוסטער אויפֿן באַרג,
מיט אַ האַמער, מיט אַן אָל.
שטעכט דער שוסטער רעכטס און לינקס,
רעכטס און לינקס און זייער גיך
מיטן האַמער, מיטן אָל,
וואַקסן אויס צוויי קליינע שיך.
זאָגט דער שוסטער:
– שיכלעך גייט!
גייען שיכעלעך אַוועק
וווּ די וועלט האָט נאָר אַן עק.
גייען שיכעלעך אַרום,
וווּ דער שוסטער שיקט זיי אום.
ברענגען ברויט
און ברענגען זאַלץ
פֿאַרן שוסטער ברענגען אַלץ.
איין מאָל נעמען שיכלעך גיין,
בײַ אַ טויער בלײַבן שטיין.
קלאַפּט דאָס רעכטע שיכל: איינס,
קלאַפּט דאָס לינקע שיכל: צוויי,
עפֿנט זיך אַ טיר פֿאַר זיי.
זיצט זיך דאָרטן אַ קליין קינד,
באָרוועס, נאַקעט, ווי און ווינד.
דאָרטן בלײַבן שיכלעך שטיין
ווילן ערגעץ מער ניט גיין.
און דער שוסטער אויפֿן באַרג
וואַרט און וואַרט,
וואַרט און וואַרט...

א. לוצקי

## פֿרייד פֿון אַ פֿליג



אין אַ טײַכל ליגט אַ פֿליג
מיט די פֿליגעלעך אַראָפּ,
מיט די פֿיסעלעך אַרויף,
– אַ לעבעדיקער מת.

זעט די פֿליג אַ גרויסע וועלט,
נאָר בײַ וואָס זיך אָנצוכאַפּן – פֿעלט.
סײַדן דורך אַ נס.

איבער איר איז סטעליע־הימל,
בעט דאָס פֿליגעלע און שרײַט.
איז דער הימל אָבער – ווײַט.

פֿליִען פֿליגעלעך אַרום,
און זיי זשומען: זשום־זשום־זשום!
נאָר צו אירע תּפֿילות –
זײַנען אַלע פֿליגן שטום.

קומט אַ ווינט און קערט זי איבער,
פֿליט דאָס פֿליגעלע שוין ווידער,
און זי פֿרייט זיך אָן אַ שיעור,
ווי נאָך קיין מאָל ניט אַפֿריִער.

## אַ קעצעלע



ווײַ אַ קעצל מילך –
שווײַגט דאָס קעצעלע
און קוקט:
„זע, מענטש, איך וואַרט,
איך וויל ניט ווערן אָפּגענאַרט.
אויב עס איז דיר טײַער מײַן געבײן –
לאָז דעם טעלער שטיין.
קאָנסט זיך גיין.
הנאָה האָבן וועל איך שוין אַליין.״

# דער רופֿא און דער שוסטער

(סוף פֿון זײַט 5)

צו יענער צײַט האָט דער קייסער זיך שוין אין גאַנצן מיאש געווען. אַ קוק געטאָן אויף דעם ייִד, האָט ער געטראַכט צו זיך: „וואָס פֿאַרליר איך, סײַ ווי סײַ קאָנען ניט די בעסטע דאָקטוירים זיך אַן עצה געבן, זאָל דער ייִד פּרוּוון״. אויף אַ קול האָט ער אָבער געזאָגט: „הער אויס, ברודערקע ייִד, אויב דו וועסט ניט אויסהיילן מײַן טאָכטער, וועל איך הייסן מע זאָל דיר אָפּהאַקן דעם קאָפּ!״

– „און אויב איך וועל זי יאָ אויסהיילן?״ – פֿרעגט דער שוסטער. „וועסטו מיט מײַן טאָכטער חתונה האָבן!״ האָט דער שוסטער אַ טראַכט געטאָן: „פֿון צוויי צרות קלײַבט מען אויס די קלענערע צרה״ – און זיך געלאָזט גיין נאָכן קייסער.

דער שוסטער קומט אַרײַן צום קייסערס טאָכטער אין צימער, ער גיט אַ קוק, זי ליגט, נעבעך, אויפֿן בעט, אַרומגעלייגט מיט קישעלעך, דער האַלדז אַרומגעבונדן און קוים, קוים וואָס זי אָטעמט שוין. נעמט ער אַראָפּ דאָס פֿעסל ריצנאַייל פֿונעם אַקסל, נעמט דאָס העמערל און וויל עס אויפֿעפֿענען. איז ער אָבער אַ שוסטער, ניט קיין באַנדער, גיט ער אַ האַק און טרעפֿט ניט אין רייף, נאָר אין אַ ברעטל. דאָס ברעטל פּלאַצט און דאָס ריצנאַייל פֿליסט אַרויס גלײַך אויפֿן מאַרמאָר־דיל.

דער שוסטער האָט גראָד געטראָגן שטיוול מיט פּאָדקעוועס, האָט ער זיך געגעבן אַ גליטש אויס, געפֿאַלן מיטן פּנים אַראָפּ און מיט זײַן בערדל צעשמירט דאָס ריצנאַייל איבערן דיל. דעם קייסערס טאָכטער האָט עס דערזען, האָט זי זיך זייער שטאַרק צעלאַכט. וואָס זשע מיינט איר? ריכטיק, די מכּה אין האַלדז האָט געפּלאַצט און זי איז געזונט געוואָרן.

ס׳איז געוואָרן אַ גדולה, אַ שׂימחה אין דעם פּאַלאַץ. אין סאַמע ברען גייט דער קייסער צו צום שוסטער און זאָגט אים: „דו האָסט אויסגעהיילט מײַן טאָכטער, און אַ וואָרט בלײַבט אַ וואָרט! נעם זי דיר פֿאַר אַ ווײַב, און אַ האַלבע מדינה פֿאַר אַ מתּנה!״

ענטפֿערט אים דער שוסטער: „צו גרויס איז דער כּבֿוד, אַז אַ פּשוטער שוסטער און אַ שטיקל רופֿא זאָל נעמען דעם קייסערס טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב. ס׳איז מיר גענוג, וואָס מײַן קאָפּ איז געבליבן אויף די אַקסלען. לאָז מיך גיין צוריק אין מײַן שטעטל און פֿאַרריכטן ווײַטער שיך; און טאָמער וועסטו נאָך אַ מאָל זיך נייטיקן אין אַ רופֿא, גיב מיר צו וויסן, ריצנאַייל איז בײַ מיר שטענדיק דאָ!״